בעזרת השם יתברך

פרשת שלח
מברכים חודש תמוז
כ"ה סיון שנת תשפ"א לפ"ק
שנה 2, גליון 26
(41)

# סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת

גליון

פאר'ן שבת טיש



ארויסגעגעבן דורך מוסדות היכל הקודש ברסלב

שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת נָשֹׂא, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן, אִיז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶעוֶוען אִין שְׁטֶעטְל, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב - לִיבֶּערְטִי יע"א; אִינְדֶערְפְּרִי נָאכְ'ן דַאוֶונֶען בַּיים 'קִידּוּשָׁא רַבָּא' הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶערֶעדְט הֶערְלִיכֶע דִּבְרֵי הִתְחַזְּקוּת, גֶעבּוֹיעֶט אוֹיף דִי וֶוערְטֶער פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אִין סֵפֶר הַקָּדוֹשׁ 'סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת', מַעֲשֶׂה ט, מֵחָכָם וְתָם.

דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן: גֶעלוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶס הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעשְׁטֶעלְט אַז מִיר הַאלְטְן יֶעצְט בַּיי דֶעם מַעֲשֶׂה פוּנֶעם חָכָם אוּן תַּם, סֵיי בַּיי דִי שִׁיעוּרִים פַאר דִי בָּחוּרִים אִין יְשִׁיבָה אִינְדֶערְוָואכְן, אוּן סֵיי בַּיי דִי שִׁיעוּרִים פוּן שַׁבָּת קוֹדֶשׁ בַּיים קִידּוּשָׁא רַבָּא, אִין וִוילְיַאמְסְבּוּרְג אוּן אִין שְׁטֶעטְל.

## עֵצוֹת אוּן שֵׂכֶל פַאר'ן לֶעבְּן

אִין דֶעם סֵפֶר דֶערְצֵיילְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי דְרַייצְן מַעֲשִׂיּוֹת; אַלֶע מַעֲשִׂיּוֹת קֶען וֶוערְן אוֹיסְגֶעטַייטְשְׁט מִיט שֵׁיינֶע הִתְחַזְּקוּת, עֵצוֹת אוּן שֵׂכֶל פַאר'ן לֶעבְּן, דִי מַעֲשֶׂה אִיז אָבֶּער אַנְדֶערְשׁ פוּן דִי אַנְדֶערֶע מַעֲשִׂיּוֹת, אִין אַלֶע מַעֲשִׂיּוֹת דַארְף מֶען זוּכְן דִי לִימוּדִים וָואס מִיר קֶענֶען זִיךְ אָפְּלֶערְנֶען דֶערְפוּן, מֶען דַארְף דָאס אַסַאךְ דֶערְלֶערְנֶען בִּיז מֶען טְרֶעפְט דֶעם שֵׁיינֶעם אוֹצָר וָואס לִיגְט דֶערִין, אָבֶּער דֶער מַעֲשֶׂה פוּנֶעם 'חָכָם אוּן תַּם' דַארְף מֶען גָארְנִישְׁט זוּכְן, מֶען דַארְף נִישְׁט זוּכְן דִי עֵצוֹת אוּן שֵׂכֶל, דִי מַעֲשֶׂה פַאר זִיךְ רֶעדְט שׁוֹין פוּן זִיךְ אַלֵיינְס, דִי עֵצוֹת אוּן שֵׂכֶל זֶענֶען אָפְן אוּן קְלָאר פַאר יֶעדֶען וָואס לֶערְנְט עֶס. יֶעדֶער קֶען זִיךְ טְרֶעפְן אִין דֶעם מַעֲשֶׂה, אָדֶער אִינֶעם חָכָם אָדֶער אִינֶעם תַּם, מֶען דַארְף נָאר זֶען מֶען זָאל זִיךְ טְרֶעפְן אִינֶעם 'תַּם' אוּן נִישְׁט אִינֶעם 'חָכָם'...

יָארְן צוּרִיק הָאבּ אִיךְ אֵיינְמָאל פָארְגֶעלֶערְנְט פַאר דִי בָּחוּרִים דֶעם שִׁיעוּר אִין סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת דִי מַעֲשֶׂה פוּנֶעם בֶּעטְגִיר אוּן אָרֶעמַאן (מַעֲשֶׂה י), נָאכְן שִׁיעוּר אִיז צוּגֶעקוּמֶען צוּ מִיר אַ אִיד פוּן לָאנְדָאן יע"א אוּן מִיר גֶעזָאגְט: "פַאר דֶעם אַלֵיינְס צוּ הֶערְן פָארְלֶערְנֶען דֶעם מַעֲשֶׂה אַזוֹי שֵׁיין הָאט זִיךְ מִיר שׁוֹין גֶעלוֹינְט דָאס אַהֶער קוּמֶען קַיין אַמֶערִיקֶע", עֶר דֶערְצֵיילְט מִיר: "אִיךְ הָאבּ

## חִינוּךְ ווינקל

חיזוק און עצות גענומען פונעם טעגליכן דף שיעור פארגעלערנט דורכ'ן ראש ישיבה שליט"א

### מסכת יומא דף ב

מיט'ן אייבערשטנ'ס הילף הייבן מיר אן 'מסכת יומא'. 'יומא' טייטשט אויף אראמיש 'דער טאג'; דאס איז דער גרויסער טאג פון יום כפור, וואס דער אייבערשטער זאגט אויף דעם טאג (ויקרא טז, ל): "כִּי בַיּוֹם הַזֶּה יְכַפֵּר עֲלֵיכֶם", ווייל אין דעם טאג וועט ער פארצייען פאר ענק, "לְטַהֵר אֶתְכֶם", ענק צו רייניגן, "מִכֹּל חַטֹּאתֵיכֶם", פון אלע ענקערע זינד, "לִפְנֵי ה' תִּטְהָרוּ", פאר'ן אייבערשטן זאלט עטץ ענק רייניגן.

ברוך השם אז מיר האבן זוכה געווען צו לערנען א דף גמרא.

### קינדער זענען אזוי ווי קלעי

מען קען זיך נישט פארשטעלן דאס גרויסקייט פון א מלמד, מען קען זיך נישט פארשטעלן דאס גרויסקייט פון זיצן מיט קינדער און לערנען; מען לערנט זיי תורה, דאווענען, יראת שמים, הלכות, הייליגקייט און שמירת עינים.

קינדער זענען אזוי ווי קלעי; ווי אזוי די פארעמסט זיי אויס - אזוי וועלן זיי בלייבן זייער גאנצע לעבן. עס גייט טאקע נישט אין איין מינוט, אסאך מאל קען מען שפירן ווי איך רעד און קיינער הערט מיר נישט אויס, דארף מען אבער גלייבן אז יעדעס ווארט וואס מען רעדט צו די קינדער גייט אריין אין זיי, אז עס גייט נישט אריין היינט וועט עס אריין גיין מארגן, און אז עס גייט נישט אריין מארגן וועט עס אריין גיין איבערמארגן.

### דערציילן מעשיות פון צדיקים

יעדעס ווארט וואס מען רעדט צו קינדער הערן זיי אויס, בפרט 'מעשיות פון צדיקים'; עס איז א מורא'דיגע גוטע זאך צו דערציילן פאר קינדער 'מעשיות פון צדיקים', דאס צינדט אן זייער הארץ זיי זאלן אויך וועלן ווערן צדיקים. עס איז זייער וויכטיג פאר א מלמד ער זאל זיך אנגרייטן יעדן טאג עטליכע מעשיות פון דער הייליגער רבי ר' אלימלך און דער הייליגער רבי ר' זושא, פון דער הייליגער בעל שם

שוֹין אַסַאך מָאל גֶעלֶערְנְט דֶעם מַעֲשֶׂה, אָבֶּער אִיךְ הָאבּ עֶס קֵיינְמָאל נִישְׁט פַארְשְׁטַאנֶען, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעוואוּסְט וָואס אִיךְ קֶען זִיךְ אָפְּלֶערְנֶען דֶערְפוּן, אִיךְ הָאבּ גֶעמֵיינְט אַז עֶס מֵיינְט נָאר הֶעכֶערֶע זַאכְן וָואס הָאט גָארְנִישְׁט צוּטוּן מִיט מִיר, עֶס רֶעדְט זִיךְ פוּן מָשִׁיחַ אוּן דִי סוֹדוֹת פוּן דִי גְאוּלָה, אָבֶּער יֶעצְט הָאבּ אִיךְ גֶעהֶערְט גָאר אַ נֵייעֶ פְּשַׁט, מֶען קֶען נִיצְן דֶעם מַעֲשֶׂה אוֹיךְ אוֹיף לְעוּבְדָא וּלְמַעֲשֶׂה, אַז דֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוּנְז דֶערְמִיט אַז מֶען דַארְף הָאבְּן הַכָּרַת הַטּוֹב צוּם בֶּערְגִיר וָואס דָאס מֵיינְט מֶען דֶעם צַדִּיק וָואס הָאט מִיר צוּגֶעבְּרֶענְגְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן".

בֶּעפָאר אִיךְ בִּין מְקוֹרָב גֶעוָוארְן צוּם רֶבִּי'ן הָאבּ אִיךְ לִיבּ גֶעהַאט צוּ לֵיינֶען דֶעם רֶבִּי'נְס מַעֲשִׂיוֹת, אִיךְ פְלֶעג בָּארְגְן דֶעם סֵפֶר סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיוֹת פוּן מַיין פֶעטֶער נֵרוֹ יָאִיר אוּן אִיךְ הָאבּ עֶס גֶעלֵיינְט, אָבֶּער אִיךְ הָאבּ נִישְׁט פַארְשְׁטַאנֶען קֵיין אֵיין וָוארְט, וָואס קוּמְט מִיר דִי מַעֲשִׂיוֹת לֶערְנֶען? אָבֶּער בָּרוּךְ הַשֵּׁם וֶוען אִיךְ בִּין מְקוֹרָב גֶעוָוארְן צוּ מוֹהֲרָא"ש אִיז מִיר אַלֶעס קְלָאר גֶעוָוארְן, מוֹהֲרָא"ש הָאט גֶענוּמֶען יֶעדֶע מַעֲשֶׂה אוּן עֶס פָארְגֶעלֵייגְט מֶען זָאל עֶס קֶענֶען פַארְשְׁטֵיין אוֹיף לְעוּבְדָא וּלְמַעֲשֶׂה, וִוי אַזוֹי אִיךְ קֶען עֶס נִיצְן צוּם מַיין טָאג טֶעגְלִיכְן לֶעבְּנְ'ס שְׁטֵייגֶער.

## דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן

דֶער רֶבִּי דֶערְצֵיילְט אִין דִי מַעֲשֶׂה, וִוי דֶער תַּם אִיז גֶעוֶוען אַזוֹי פְרֵיילִיךְ, עֶר הָאט גָארְנִישְׁט גֶעהַאט אָבֶּער עֶר הָאט אַלֶעס גֶעהַאט, אִין קָאפּ הָאט עֶר אַלֶעס גֶעהַאט, עֶר אִיז גֶעוֶוען מָלֵא שִׂמְחָה, עֶר הָאט שוֹין גָארְנִישְׁט גֶעדַארְפְט. זַיין וַוייבּ אִיז יָא גֶעוֶוען אַ שְׁטִיקְל אוֹיבֶּער חָכָם, זִי פְלֶעגְט אִים אַלְץ זָאגְן: "קוּק אוֹיף יֶענֶעם, יֶענֶער הָאט מֶער פוּן אוּנְז", פְלֶעגְט עֶר אִיר עֶנְטְפֶערְן: "וָואס הָאט דָאס מִיט מִיר? דָאס אִיז מַיין מַעֲשֶׂה אוּן דָאס אִיז יֶענֶעמְ'ס מַעֲשֶׂה, אוּן וִוידֶער וָואס דַארְפְן מִיר רֶעדְן פוּן אַ צְוֵוייטְן? לָאמִיר זֶען וָואס מִיר הָאבְּן, לָאמִיר מַאכְן אַ חֶשְׁבּוֹן וִויפִיל מִיר זֶענֶען שוּלְדִיג דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן".

דֶערְפַאר אִיז תַּם גֶעוֶוען אַזוֹי פְרֵיילִיךְ, וַוייל אַ מֶענְטְשׁ וָואס לֶעבְּט מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן בִּתְמִימוּת אִיז שְׁטֶענְדִיג פְרֵיילִיךְ אוּן צוּפְרִידְן, וִוידֶער אַ מֶענְטְשׁ וָואס לֶעבְּט נִישְׁט מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר גֵייט נָאךְ זַיינֶע חָכְמוֹת אוּן פִילָאזָאפְיֶע, אִיז שְׁטֶענְדִיג דֶערְבִּיטֶערְט אוּן פַארְוֵוייטָאגְט. אַ מֶענְטְשׁ דַארְף שְׁטֶענְדִיג דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אַלֶע גוּטְס וָואס עֶר פַארְמָאגְט; אַנְשְׁטָאט קְרֶעכְצְן אוּן זִיךְ אָפְּרֶעדְן - דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דוּ לֶעבְּסְט; אַ מֶענְטְשׁ וֵוייסְט נִישְׁט וָואס גֵייט פַּאסִירְן מִיט אִים דֶעם קוּמֶענְדִיגֶע מִינוּט, עֶס אִיז נִישְׁט דָא קֵיין צַייט צוּ וֵויינֶען אוּן קְלָאגְן.

דֶעם עֶרֶב שַׁבָּת הָאט נֶעבֶּעךְ פַּאסִירְט אַן עֶקְסִידֶענְט וִוי צְוֵוויי קַארְס הָאבְּן אַרַיינְגֶעקְרַאכְט אֵיינְס אִין דִי אַנְדֶערֶע, [עֶס אִיז גֶעשֶׁען לְהַבְדִּיל - מִיט גוֹיִם, דִי הַצָּלָה אִינְגֶעלַייט פוּן שְׁטֶעטְל זֶענֶען אַהִין גֶעלָאפְן עֶס קוּקְן, אוֹיסְצוּנִיצְן דֶעם גֶעלֶעגְנְהֵייט וָואס זֵיי הָאבְּן יֶעצְט, וַוייל זֵיי הָאבְּן זִיךְ גֶעהַאט גֶעלֶערְנְט וִוי אַזוֹי צוּ זִיךְ אוּמְצוּגֵיין אִין אַזֶעלְכֶע פֶעלֶער הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ אָבֶּער וִויבַּאלְד דִי זַאכְן מַאכְן זִיךְ נִישְׁט אָפְט, בָּרוּךְ הַשֵּׁם, אִיז זֵיי נָאכְנִישְׁט אוֹיסְגֶעקוּמֶען עֶס צוּ זֶען, דֶערְפַאר זֶענֶען זֵיי אַהִין גֶעגַאנְגֶען עֶס צוּזֶען פוּן דִי נָאנְט; דִי פָּאלִיצֵיי הָאבְּן נִישְׁט דֶעם פְּרָאבְּלֶעם, וֶוען זֵיי לֶערְנֶען זִיךְ וִוי אַזוֹי צוּ טֵיילְן שְׁלֶעק זֶענֶען זֵיי דָאס מְקַיֵּים וִוי שְׁנֶעלֶער, דִי עֶרְשְׁטֶע גֶעלֶעגְנְהֵייט וָואס זֵיי הָאבְּן - טֵיילְן זֵיי מַכּוֹת רֶצַח...]; וָואס וֵוייסְט אַ מֶענְטְשׁ וָואס וַוארְט אִים אָפּ דֶעם קוּמֶענְדִיגְן מִינוּט, אַנְשְׁטָאט צוּ זַיין פַארְנוּמֶען אַ גַאנְצְן טָאג מִיטְ'ן טְרַאכְטְן 'מַיין וַוייבּ אִיז שוּלְדִיג אוֹיף מַיין לֶעבְּן', 'מַיין מַאן אִיז שוּלְדִיג אוֹיף מַיין לֶעבְּן', דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דַיין לֶעבְּן וִוי שֵׁיין עֶס אִיז, וִוי זִיס אוּן גֶעשְׁמַאק עֶס אִיז.

## דֶער אַייז שִׁיסְל...

אֵיינֶער פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ הָאט מִיר דֶערְצֵיילְט, עֶר אִיז דִי וָואךְ גֶעוֶוען בַּיי אַ חֲתוּנָה, הָאט עֶר צוּגֶעזֶען פוּן דִי נָאנְט וִוי דֶער מְחוּתָּן הָאט בַּאמֶערְקְט וִוי דִי אַייז לִיגְט אִין אַ פָּשׁוּטְ'עֶ

טוב און דער הייליגער מעזריטשער מגיד זכותם יגן עלינו; דאס איז זייער זייער וויכטיג, דאס איז 'יראת שמים' פאר קינדער, דאס פילט זיי אן מיט יראת שמים.

דער הייליגער צאנזער רב זכותו יגן עלינו האט געפרעגט דעם מלמד פון זיינע קינדער צי ער לערנט מוסר מיט זיינע קינדער, האט ער געזאגט יא, ער לערנט מיט זיי מוסר, האט דער צאנזער רב אים געזאגט: "איך וויל דו זאלסט לערנען מיט די קינדער מעשיות פון צדיקים, מעשיות פון צדיקים דאס איז דאס גרעסטע מוסר".

אין ברסלב זאגט מען אזוי: "אן התעוררות וואס קומט פון 'מוסר', האלט נישט אן צו לאנג"; אז דו וועסט געבן א גוטע פארציע מוסר, א גוטע מוסר דרשה, אדער אז מען גייט צו א לויה מען הערט א הספד, מען ווערט דערפון טאקע נתעורר, אבער ווען מען גייט אהיים בלייבט גארנישט דערפון, "אבער אן התעוררות וואס קומט פון 'התחזקות' דאס האלט אן גאר לאנג"; מעשיות פון צדיקים - דאס איז התחזקות, דאס איז מחזק דעם מענטש, דערפאר איז זייער וויכטיג צו דערציילן פאר תלמידים מעשיות פון צדיקים.

## מענטשן ווערן צעקוועטשט

ברוך השם, אשרינו אז מיר זענען זוכה צו לערנען נאך א דף גמרא און נאך א דף גמרא. נעכטן בין איך געווען אין מאנסי יע"א, ביי ... נרו יאיר אין שטוב, עס איז מיר אזא שמחה, עס קומען זיך דארט צוזאם תלמידים, אנשי שלומינו,

שִׁיסְל פוּן פְּלֶעסְטִיק, אוּן נִישְׁט אִין אַ זִילְבֶּערְנֶע שִׁיסְל וִוי עֶס פַּאסְט פַאר אִים... הָאט עֶר אָנְגֶעהוֹיבְּן שְׁרֵייעֶן אוֹיף דֶעם מֶענֶעדְזְשֶׁער פוּנֶעם זַאל: "הֲיִתָּכֵן, דוּ פַארְשֶׁעמְסְט מִיר, וֶוען אִיךְ מַאךְ חֲתוּנָה לֵייגְסְטוּ דִי אַייז אִין אַ פְּלֶעסְטִיק שִׁיסְל?!"... דֶער מֶענֶעדְזְשֶׁער אִיז אַ קְלוּגֶער אִיד, עֶר הָאט דֶעם קָאפּ אוֹיפְ'ן פְּלַאץ, הָאט עֶר זִיךְ אָנְגֶערוּפְן צוּם מְחוּתָּן מִיט פַארְדְרוּס: "דוּ בִּיסְט אַזוֹי גֶערֶעכְט, אִיךְ וֶועל עֶס שְׁנֶעל הֵייסְן טוֹישְׁן", אוּן עֶר הָאט גֶערוּפְן אֵיינֶע פוּן דִי גוֹיִם וָואס אַרְבֶּעטְן אִין דִי זַאל אוּן גֶעבֶּעטְן זֵיי זָאלְן עֶס אַייְנְטוֹישְׁן פַאר אַ זִילְבֶּערְנֶע שִׁיסְל...; קוּק וִוי פַארְדְרֵייְדט אַ מֶענְטְשׁ קֶען זַיין, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט דִיר גֶעגֶעבְּן אַ מַתָּנָה, דוּ מַאכְסְט הַיינְט חֲתוּנָה דַיין קִינְד, דַאנְק אוּן לוֹיבּ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף זַיינֶע גְרוֹיסֶע חֲסָדִים וָואס עֶר טוּט מִיט דִיר, אַנְשְׁטָאט דֶעם בִּיסְטוּ פַארְנוּמֶען מִיטְ'ן אַייז שִׁיסְל...?!

## פֶּעיִנְטְן דֶעם צְוֵוייטְן יָאר

עֶס אַ שָׁאד זִיךְ עֶסְן דָאס גֶעזוּנְט אוֹיף יֶעדֶע קְלֵיינִיקֵייט, מַאךְ נִישְׁט קַיין עֵסֶק פוּן יֶעדֶע שְׁטוּת, אַנְשְׁטָאט זוּכְן וָואס אִיז נִישְׁט גוּט - זוּךְ אוֹיף וָואס אִיז יָא גוּט, זוּךְ אוֹיף דָאס גוּטְס וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעבְּט דִיר; צוּם בֵּיישְׁפִּיל, וֶוען מֶען צִיט זִיךְ אַרַיין אִין אַ נֵייעֶ הוֹיז גֶעשֶׁעט אַז נָאךְ אַ שְׁטִיק צַייט זֶעצְט זִיךְ דִי הוֹיז אוּן עֶס וֶוערְט קְרִיצְן אוֹיף דִי וַואנְט, זֶענֶען דָא מֶענְטְשְׁן וָואס זֶענֶען זֵייעֶר מַקְפִּיד דֶערוֹיף, זֵייעֶר וַואנְט זָאל נִישְׁט הָאבְּן דִי קְרִיצְן, דֶערְפַאר פֶּעיִנְטְן זֵיי נִישְׁט דֶעם הוֹיז בִּיז אַ יָאר נָאכְן וואוֹינֶען דֶערִין, וֶוען אַלֶע קְרִיצְן זֶענֶען שׁוֹין אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען כְּדֵי מֶען זָאל עֶס קֶענֶען פַארֶרעכְטְן, אָבֶּער אַ פְרֵיילִיכֶער מֶענְטְשׁ זֶעט נִישְׁט דִי אַלֶע קְרִיצְן, עֶר דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "בָּרוּךְ הַשֵּׁם אִיךְ הָאבּ אַ הוֹיז וואוּ צוּ וואוֹינֶען", אִים נֶערְוִוירְט אִים נִישְׁט דִי אַלֶע קְלֵיינִיקֵייטְן וָואס מֶען קֶען עֶס קוֹיִם בַּאמֶערְקְן.

דֶער תָּם אִיז אַלְץ גֶעוֶוען פְרֵיילִיךְ אוּן צוּפְרִידְן, אֲפִילוּ זַיין וַוייבּ אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען אֵיינִיג מִיט אִים, וִוי דֶער רֶבִּי דֶערְצֵיילְט אַז זַיין וַוייבּ הָאט אִים אַלְץ גֶעמוּטְשֶׁעט פַארְוָואס אַנְדֶערֶע פַארְדִינֶען מֶער גֶעלְט פוּן אִים וְכַדוֹמֶה, מִיט דֶעם אַלֶעם אִיז עֶר שְׁטֶענְדִיג גֶעוֶוען פְרֵיילִיךְ אוּן צוּפְרִידְן, עֶר הָאט אַלְס גֶעדַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף זַיין לֶעבְּן, נִישְׁט קוּקְנְדִיג אוֹיף אַנְדֶערֶע צִי זֵיי זֶענֶען מֶער מַצְלִיחַ פוּן אִים.

אֵיינֶער פוּן דִי תַּלְמִידִים פוּן יְשִׁיבָה הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן מַצְלִיחַ זַיין אִין בִּיזְנֶעס, אִיז עֶר גֶעקוּמֶען מִיר זָאגְן: "מַיין וַוייבּ אִיז נִישְׁט גוּט פַאר מִיר, אִיךְ וֶועל מִיר אָפְּגֶטְ'ן פוּן אִיר, אִיךְ בִּין זִיכֶער אַז אִיךְ וֶועל גְלַייךְ הָאבְּן אַ גַאנְצֶע רַייעֶ פוּן פְרוֹיעֶן וָואס וֶועלְן מִיר דַארְפְן..." אִיךְ הָאבּ זִיךְ גֶעבֶּעטְן בַּיי אִים עֶר זָאל נִישְׁט פַארְלִירְן זַיין שֵׂכֶל, עֶר זָאל דָאס נִישְׁט טוּן, אָבֶּער עֶר הָאט פַארְשְׁטַאנֶען אַז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה פַארְשְׁטֵייט אִים נִישְׁט... הָאבּ אִיךְ גֶעשִׁיקְט מֶענְטְשְׁן צוּ אִים מֶען זָאל רֶעדְן מִיט אִים; אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעהַאט דֶערְבֵּיי קַיין אֵייגֶענֶע אִינְטֶערֶעסֶע, אִיךְ הָאבּ נָאר גֶעוָואלְט עֶר זָאל הָאבְּן אַ גוּטֶע לֶעבְּן אוּן רַאטֶעוֶוען זַיין שְׁטוּב; לְמַעֲשֶׂה הָאט עֶר זִיךְ גֶעהַאלְטְן קְלוּגֶער פוּן זַיין רֹאשׁ יְשִׁיבָה אוּן עֶר הָאט זִיךְ אָפְּגֶעגֶ'ט פוּן זַיין וַוייבּ, הַיינְט קוּמְט עֶר צוּ מִיר וֵויינֶען אִיךְ זָאל אִים הֶעלְפְן, אֶפְשָׁר הָאבּ אִיךְ אֶפְשָׁר אַ שִׁידוּךְ פַאר אִים...; אַ מֶענְטְשׁ דַארְף דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף זַיין וַוייבּ אוּן זַיינֶע קִינְדֶער וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים גֶעגֶעבְּן, נִישְׁט אַרוּמְגֵיין מִיט שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבוֹת 'אַנְדֶערֶע הָאבְּן בֶּעסֶערְ'ס פוּן מִיר', 'אַנְדֶערֶע הָאבְּן בֶּעסֶער חֲתוּנָה גֶעהַאט פוּן מִיר', דָאס אִיז אַלֶעס הוֹילֶע דִמְיוֹנוֹת, וִוי קֶען זַיין בֶּעסֶער פוּן דָאס וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט דִיר גֶעגֶעבְּן?! אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט דִיר גֶעגֶעבְּן דִי וַוייבּ אוּן קִינְדֶער אִיז דָאס דִי בֶּעסְטֶע וָואס אִיז שַׁיָּיךְ פַאר דִיר! דֶער אִינְגֶערְמַאן הָאט לֵיידֶער פַאר אַ דִמְיוֹן פוּן אַפָּאר דָאלֶער צֶעבְּרָאכְן זַיין שְׁטוּב.

## יְיַשֵׁר כֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער

אִיךְ וִויל עֶנְק נָאכְאַמָאל מְחַזֵּק זַיין דָאס וָואס מִיר הָאבְּן גֶעשְׁמוּעֶסְט דֶעם פַארְגַאנְגֶענֶעם יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת הָעֲבַר עָלֵינוּ לְטוֹבָה, מִיר אַסַאךְ גֶערֶעדְט דֶערְפוּן; דִי גַאנְצֶע

זיי צינדן אן דעם שיעור און זיי זעען דעם שיעור, דאס זענען אינגעלייט וואס ארבעטן ביטער שווער א גאנצן טאג, איינער גייט קודם אהיים, א צווייטער קומט גלייך פון די ארבעט, און מען קומט זיך צוזאם לערנען דעם דף גמרא.

דאס איז מיר א מורא'דיגע זאך, אז מען קען אריין ברענגען 'לימוד התורה' ביי מענטשן; מענטשן מיינען אז גמרא איז א שווערער לימוד, די מגידי שיעורים קוקן זיך פאר מער טיפער און מער טיפער, זיי ווילן ווייזן 'למדנות', דער עולם האט נישט קיין כח דערצו; לערן דאס פאר גרינג און שנעל, נאר געוועגליך, א מגיד שיעור אז ער האט שוין די מייק אין די האנט ווערט ער צולייגן נאך א קווערטש און נאך א קווערטש אויף די גמרא עס זאל זיין גאר לומד'יש, און די מענטשן ווערן צעקוועטשט... מענטשן האבן נישט קיין כח דערצו, ענדערש ווייז אים דאס גרינגקייט פון לערנען און דאס שיינקייט פון לערנען.

### דאס בלייבט איבער פאר'ן מענטש

ברוך השם אז מיר האבן זוכה געווען צו לערנען א דף גמרא. וואויל איז פאר אונז, וואויל איז פאר די וואס לערנען יעדן טאג א דף גמרא. דאס איז די גרעסטע שמירה פאר א מענטש, דאס איז די גרעסטע הצלחה פאר א מענטש, דאס איז א זאך וואס בלייבט איבער פאר'ן מענטש; א מענטש לייגט אוועק געלט, ער מיינט אז שפעטער וועט ער עפעס האבן דערפון, למעשה שפעטער קומט איינער צו אים, א באנדיט, און

שְׁטֶעטְל הָאט נִישְׁט קַיין הֶענְט און קַיין פִּיס, עֶס הָאט נָאר חֶסְרוֹנוֹת; וִוינְטֶער הַאקְט זִיךְ יֶעדְן צְוֵוייטְן טָאג אָפּ דִי לֶעקְטֶער פון דִי שְׁטַארְקֶע וִוינְטְן, רֶעגְן און שְׁנֵיי; אויךְ אִיז שְׁוֶוער צוּ גֵיין און קוּמֶען צוּם בֵּית הַמֶּדְרָשׁ, עֶס אִיז בֶּערְגִיג, און מֶען דַארְף אַהִין גֵיין אַ וַוייטֶע וֶועג, פַאר גֶעוִויסֶע אִינְגֶעלַייט אִיז דָאס אַ וֶועג פון פִינְף און פֶערְצִיג מִינוּט; אויךְ אַז מֶען דַארְף עֶפֶּעס אַיינְקוֹיפְן דַארְף מֶען וַוארְטְן בִּיז מֶען הָאט אַ וֶועג וְכוּ' וְכוּ', אָבֶער דִי מַעֲלָה פון דִי שְׁטֶעטְל אִיז דָאס 'חִינוּךְ' וָואס מֶען לֵייגְט אַרַיין אִין דִי קִינְדֶער, דִי קִינְדֶער וַואקְסְן אויף מִיט דִי עֵצוֹת פון רֶבִּי'ן, זֵיי וַואקְסְן אויף מִיט אַ שְׁטַארְקֶע קְלָארֶע אֱמוּנָה אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זֵיי רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, און לֶעבְן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אַלֶע קִינְדֶער דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אויף יֶעדֶע זַאךְ, צוּם בֵּיישְׁפִּיל, אַז מֶען הָאט אַ נֵייעֶ קְלֵייד זָאגְט מֶען: "יְיַשֵׁר כֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער פַאר מַיין נֵייעֶ קְלֵייד"; בַּיי דִי מֶענֶער שְׁטַארְט אַרוֹיס דָאס אַז זֵיי זֶענֶען בְּרֶסְלֶב מִיטְ'ן זָאגְן חַ"י פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת יֶעדְן טָאג, אָבֶער בַּיי דִי מֵיידְלֶעךְ אִיז עֶס מִיטְ'ן זָאגְן אויף יֶעדֶע זַאךְ: "יְיַשֵׁר כֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער". תַּלְמִידוֹת דֶערְצֵיילְן, וֶוען זֵיי שְׁמוּעֶסְן מִיט אַנְדֶערֶע מֵיידְלֶעךְ און זֵיי זָאגְן אִינְמִיטְן שְׁמוּעֶסְן דֶעם וָוארְט: "יְיַשֵׁר כֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער" - הֵייבְּן דִי אַנְדֶערֶע מֵיידְלֶעךְ אָן וֶוערְן נֶערְוֶועז, "זָאג נִישְׁט: 'יְיַשֵׁר כֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער' וֶוען מִיר שְׁמוּעֶסְן, עֶס מַאכְט מִיר נֶערְוֶועז"... - אִינְטֶערֶעסַאנְט אִיז, אַז רֶעדְן פון אַלֶע שְׁטוּתִים און הֲבָלִים דָאס מַאכְט דִיר נִישְׁט נֶערְוֶועז, מֶען רֶעדְט פון נֶעמֶען פון קָאמְפֶּענִי"ס, בְּרֶענְ"ד נֶעימְ"ס, נֵייעֶ סְטֵיילְ"ס וְכַדוֹמֶה - דָאס מַאכְט דִיר נִישְׁט נֶערְוֶועז, אָבֶער וֶוען אִיךְ זָאג "יְיַשֵׁר כֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער" וֶוערְסְטוּ גְלַייךְ נֶערְוֶועז...?!

אֵיינֶער פון אִינְגֶעלַייט וָואס וואוֹינֶען אִין שְׁטֶעטְל, הָאט מִיר גֶעזָאגְט, עֶס אִיז אַרַיין אִין אִים דִי דִיבּוּרִים וָואס מִיר הָאבְן גֶערֶעדְט שָׁבוּעוֹת אַז דִי גַאנְצֶע מַעֲלָה פון דִי שְׁטֶעטְל אִיז נָאר דָאס אַז מֶען מַאכְט הִתְבּוֹדְדוּת אוֹיפְ'ן וֶועג צוּם שׁוּל און אוֹיפְ'ן וֶועג אַהֵיים פון שׁוּל, דֶערְצֵיילְט עֶר מִיר, אַז עֶר הָאט גֶענוּמֶען זַיין קְלֵיין אִינְגְל אוֹיפְ'ן פֶעלְד אויף אַ שְׁפַּאצִיר, און אִים אוֹיסְגֶעלֶערְנְט וִוי אַזוֹי צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר הָאט גֶעשְׁמוּעֶסְט הוֹיךְ מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן צוּזַאמֶען מִיט זַיין זוּן כְּדֵי עֶר זָאל זִיךְ אוֹיסְלֶערְנֶען דִי זַאךְ פון רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; קוֹדֶם הָאבְן זֵיי אָנְגֶעהוֹיבְן מִיט דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אויף יֶעדֶע גוּטֶע זַאךְ וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט זֵיי גֶעגֶעבְן, אָנְגֶעהוֹיבְן פוּנֶעם קָאפּ אויף אַרָאפּ; 'בָּרוּךְ הַשֵּׁם אִיךְ הָאב אַ קַאפְּל', 'בָּרוּךְ הַשֵּׁם אִיךְ הָאבּ פֵּיאוֹת', 'בָּרוּךְ הַשֵּׁם אִיךְ הָאב אוֹיגְן, אִיךְ קֶען זֶען', 'בָּרוּךְ הַשֵּׁם אִיךְ הָאב אוֹיעֶרְן, אִיךְ קֶען הֶערְן' און אַזוֹי וַוייטֶער, נָאכְדֶעם הָאבְן זֵיי אָנְגֶעהוֹיבְן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אַלֶעס זָאל זַיין גוּט וְכוּ' וְכוּ', אִינְמִיטְן גֶעבְן זֵיי אַ קוּק אוֹיפְ'ן זֵייגֶער און בַּאמֶערְקְן אַז דִי צַייט הָאט זִיךְ גֶעגֶעבְן אַ רִיק, עֶס אִיז גֶעוָוארְן אַ שָׁעָה! זֵיי הָאבְן נִישְׁט גֶעכַאפְּט וִוי דִי צַייט לוֹיפְט אַזוֹי שְׁנֶעל; אִיךְ הָאב מִיר זֵייעֶר גֶעפְרֵיידְט דָאס צוּ הֶערְן, זֶעעֶנְדִיג וִוי דִי דִיבּוּרִים טוּעֶן אויף, מֶען פָאלְגְט דִי עֵצוֹת פון רֶבִּי'ן אויף לְמַעֲשֶׂה. בַּיים רֶבִּי'ן אִיז אויךְ אַמָאל גֶעשֶׁען אַזַא מַעֲשֶׂה אַז עֶר אִיז אַרַיין אִין אַ הֵייל זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן און עֶר הָאט נִישְׁט בַּאמֶערְקְט וִוי עֶס וֶוערְט שׁוֹין סוֹף טָאג, אִינְצְוִוישְׁן אִיז דוּרְךְ אַ גַאנְצֶע טָאג (עַיֵּין שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן קסג)!

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן פָאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן וֶועלְן מִיר הָאבְן אַ שֵׁיינֶע לֶעבְן, אָמֵן.

רעדט אים איין א גאנצע מעשה 'איך גיי מאכן א ביזנעס, בארג מיר דאס געלט דו וועסט מאכן דערויף פראצענט' און צום סוף זעצט ער אן די גאנצע געלט און עס בלייבט גארנישט איבער דערפון, דער מענטש האט נעבעך אוועק געגעבן זיין גאנצע אפגעשפארטע געלט און יעצט עס איז גארנישט געבליבן דערפון, דאס איז מעשים בכל יום.

וואס בלייבט פון א מענטש? גיי ארויס אינדרויסן וועסטו זען, מענטשן ארבעטן, מען קומט און מען גייט, פרעג א מענטש: וואס וועסטו טון אין צען יאר ארום, אין צוואנציג יאר ארום, ווען דו וועסט שוין זיין אביסל עלטער, און דו גייסט שוין נישט קענען שלעפן, טון און מאכן, וואס גייסטו דעמאלט טון?!

אבער 'גמרא' דאס קען מען שטענדיג טון, דאס קען מען לערנען יעדן טאג, סיי ווען מען לעבט און סיי נאכדעם ווען מען גייט אוועק פון די וועלט, אזוי ווי חכמינו זכרונם לברכה זאגן (?): וואס א מענטש לערנט דא אויף די וועלט וועט מען לערנען אויבן אין הימל מיט אים; קומט אויס אז מיר וועלן אויך האבן יעדן טאג אין גן עדן א שיעור אין דעם דף גמרא.

### קינדער זענען קינדער

טייערע מלמדים געדענקט אז 'קינדער זענען קינדער', קינדער זענען נישט קיין טאטעס, דער מלמד פארשטייט נישט דעם קינד 'וויפיל מאל דארף איך דיר זאגן?! דו הערסט נישט וואס איך רעד צו דיר?!' אבער ער איז נאך א קינד, ער האט נאכנישט די ריכטיגע שכל, דערפאר זאגט מען אים נאכאמאל און נאכאמאל ביז דער אייבערשטער העלפט און עס וואקסט אויף שיינע דורות.

### א ברסלב'ער חדר

איך האף אז דער חדר איז נאך א ברסלב'ער חדר, איך האף אז מען רעדט פונעם אייבערשטן, די קינדער דערציילן 'מעשיות פון תפילה'.

געב איבער פאר אלע מלמדים וואס דער ראש ישיבה בעט, עס הענגט נישט סתם דעם טאוול "תלמוד תורה היכל הקודש ברסלב", נאר מען זאל טון דעם רבי"נס עצות, רעדן צו די קינדער פון 'תפילה', מען זאל רעדן פונעם אייבערשטן.